ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתמ"ו
פרשת פינחס
שנת תשפ"ד לפ"ק

ז׳ קעא) מ׳דערציילט אויף אונזער עלטער באבע
**הרבנית הצדיקת פעסיל לאה טייטלבוים ע"ה** הרבנית מסאטמאר

## וצדקה תהיה לנו

שטייענדיג פאר די יארצייט פון אימא דמלכא **הרבנית הצדיקת מרן פעסיל לאה בת הגה"ק רבי אהרן זלה"ה** (כ"ג תמוז הבעל"ט) איז וויכטיג ארויסצוברענגען איר אמת׳ע ׳כל כבודה בת מלך פנימה׳. טראצדעם וואס זי איז געווען די ׳סאטמארע רביצין׳, און פארנומען דאס ערשטע ארט צווישן אלפי נשי אנשי שלומינו, איז זי אלעמאל געווען צוריק געצויגן און באהאלטן מיט א מורא׳דיגע צניעות און פשטות, זי האט קיינמאל גארנישט פארלאנגט און נישט פארנומען פאר זיך קיין ארט אין ערגעץ.

ביי א געלעגענהייט האט זי דערציילט אז אין די תקופה וואס זי האט זיך אריבערגעצויגן קיין בארא פארק אין א נייע דירה, האט זי געשמועסט מיט די **מומע הרבנית הצדיקת מרת אלטא פיגא ע"ה**, און די מומע האט איר אויסגעפרעגט גענוי וויאזוי זי האט אויסגעשטעלט די דירה, די מעבל, די ציגל וכדומה.

האט זי געזאגט פאר די מומע: **"איך פארשטיי נישט אזוי צו די אלע זאכן, איך האב גארנישט באשטעלט און געמאכט עקסטער, איין זאך ווייס איך, די ציגל וועט מיך איבערלעבן"...** דאס איז געווען איר בליק אויף אלע עניני עוה"ז.

ב. עס איז וויכטיג צו פארצייכענען א פראיעקט וואס זי האט זיך פאר דעם אוועק געגעבן בלב ובנפש איז געווען "**קרן נפש חיה**" - א עקסטערע פאנד וואס זי האט מייסד געווען נאך די פטירה פון איר עלטסטע טאכטער הצדקת מרת חי׳ ע"ה, מיטן ציהל צו העלפן אלע מלמדים און מרביצי תורה פון די סאטמארע מוסדות מיט א סכום הגון ווען זיי האבן חתונה געמאכט די קינדער.

מידי שנה בשנה צווישן פסח און שבועות איז אפגעהאלטן געווארן די פארטי לטובת דעם קרן סיי אין וויליאמסבורג, סיי אין קרית יואל. די רביצין האט פאר דעם אוועק געגעבן איר דירה, און אלע אירע כוחות.

געווענליך אין יענע וואכן איז שוין **מרן רבינו הברך משה ז"ל** געווען אין קרית יואל, אבער די רביצין פלעגט אריינפארן אויף שבת קיין וויליאמסבורג ווייל זי האט געדארפט זיין אין ביהמ"ד לאדענען די פרויען צו די פארטי. (מ׳פלעגט מסדר זיין אז יענעם שב"ק האט דער רבי ז"ל געפראוועט מיט די בחורי המתיבתא).

ווען עס איז געווען די פארטי אין קרית יואל, פלעגט דער רבי ז"ל אריבערגיין א גאנצן טאג אין שטוב פון **כ"ק מרן רבינו שליט"א** אויף צאנז קט. ווייל די שטוב אויף איהעל קט. איז געווען איבערגענומען פון די נשים צדקניות וואס האבן געשטראמט צו די פארטי.

עס איז געווען מערקווירדיג ווען יערליך, ווען דער רבי ז"ל פלעגט אהיים קומען שפעט ביינאכט נאך די פארטי, איז געווען זיין ערשטע דאגה ווי אזוי עס איז געווען די הצלחה פון די פארטי, און ער פלעגט זיך אפגעבן א לענגערע צייט מיטן העלפן איבערגיין די חשבונות, און זעהן וויפיל געלט עס איז אריינגעקומען לטובת הקרן. יהא זכרה ברוך.

ז׳ קעב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר׳ יצחק אלעזר גאלדבערגער הי"ו**

## להאיר ב"אור החיים"

אמרתי אספרה חסדי ה׳ ונפלאותיו. מאת ה׳ היתה זאת, עס איז געווען ארום זעכצן נאך אונזער חתונה, און מיר האבן נישט זוכה געווען צו קיין קינדער ה"י.

עס איז געווען סוף חודש סיון תשנ"ד לפ"ק, **כ"ק מרן רבינו הברך משה זלה"ה** איז געפארן קיין ארץ ישראל צו א גרויסארטיגע נסיעה לחזק את השרידים אשר ה׳ קורא בארה"ק, איך האב געהאט גרויס חשק צו פארן מיטהאלטן די נסיעה - עס איז נישט געווען אזוי לייכט ווייל מיין ברודער האט דעמאלטס חתונה געמאכט א קינד, אבער סוכ"ס האב איך מחליט געווען אז איך וויל נישט מוותר זיין אויף אזא נסיעה מיטן רבי"ן קיין ארץ ישראל.

ביים גרויסן קבלת פנים, כ"ח סיון, על פני ׳כיכר השבת׳ בין איך געשטאנען צווישן רבבות אלפי ישראל און געהערט ווי **כ"ק מרן הגאב"ד הגה"ק רבי משה ארי׳ זלה"ה בעל עטרת יהושע** האט אויסגעשריגן בלשונו הק׳: **"ביי דעם מעמד קען מען זיך אויסבעטן, ס׳איז א מעמד קידוש ה׳, א קידוש ה׳ איז העכער פון אַלעם, מ׳קען זיך אויסבעטן, זאָל יעדער געהאָלפן ווערן, אין אַזאַ צייט פון קידוש ה׳ זאל יעדער געהאָלפן ווערן.**

**"מען קען דאָ אוודאי געהאָלפן ווערן מיט זרע של קיימא. די שערי שמים זענען אָפֿן, יעדער זאל געהאָלפן ווערן מיט וואָס ער וויל, מיט שפע ברכה והצלחה, אויסבעטן ישועות מיט רפואות".**

איך האב בשעת מעשה געהאט אן הרגשה אז די ווערטער רעדן צו מיר, עס איז מיר אריבער א געפיל אין טיפן הארץ אז איך גיי דא געהאלפן ווערן, טראצדעם וואס עס איז שוין געווען נאך אזויפיל לאנגע שווערע יארן. און איך האב אויסגענוצט דעם הייליגן זמן זיך אויסצובעטן ביים קל מלך רחום וחנון פאר א ישועה מן השמים.

איינער פון מיינע ידידים וואס האט געהערט מיין הרגשה, האט מיך מייעץ געווען צו גיין צום ציון פונעם הייליגן **אור החיים הקדוש** ז"ל אויפן הר הזיתים, און דארט מתפלל זיין און מבטיח זיין צו מאכן מידי שנה בשנה א סעודה לעילוי נשמתו, וואס דאס איז א סגולה מקובלת פאר רפואות וישועות. איך האב אזוי געטון.

אהיים קומענדיג קיין ניו יארק איז שוין געווען גאנץ נאנט צום יארצייט פונעם אור החיים הק׳, ט"ו תמוז, איך האב טאקע געפראוועט א יארצייט סעודה, און מבטיח געווען אז אויב איך וועל געהאלפן ווערן מיט זש"ק וועל איך געבן א נאמען "**חיים**" נאכן הייליגן אור החיים הק׳.

בחסדי ה׳ כי לא תמנו, א יאר דערויף, אין חודש מנחם אב תשנ"ה לפ"ק האב איך זוכה געווען צו בני בכורי הי"ו.

פון דעמאלטס ביז היינט איז שוין אריבער דרייסיג יאר, מידי שבוע בשבוע לערן איך **אור החיים** הק׳, און יעדעס יאר ט"ו תמוז טועהן מיר פראווען א סעודת הילולא לזכרו של אותו צדיק.

ב. אין דעם ענין אמרתי אספרה, במשך די יארן וואס מיר זענען געווען עומדים ומצפים לישועה, האב איך פרובירט אלע סגולות און מבטיח געווען אלע הבטחות. ווען מיין זון נ"י איז געבוירן געווארן בין איך אריין צום רבי"ן **מרן הברך משה** ז"ל און געזאגט אז במשך השנים האב איך שוין מבטיח געווען די אלע נעמען ׳שמעון׳, ׳חיים׳, ׳אלימלך׳, ׳יואל׳, יעצט ווייס איך נישט וועלכע נאמען זאל איך געבן ?!. זאגט מיר דער רבי "איך קען מיך נישט אריינמישן צווישן אזעלכע גרויסע מענטשן, נעם א ׳קלפי׳ לייג אריין אלע נעמען, און מאך א גורל, דער נאמען וואס וועט ארויסקומען דאס וועסטו געבן".

האב איך געפרעגט דעם רבי"ן "אויב וועט ארויסקומען "חיים" נאכן אור החיים הק׳, קען איך צוגעבן "חיים צבי" נאך אונזער זיידן הרה"ח ר׳ חיים הערש גאלדבערגער ע"ה ?". האט דער רבי געזאגט "לייג דאס אריין עקסטער אין גורל".

וכך הוה, איך האב געמאכט א גורל ועלתה בידי "חיים צבי".

יעדעס מאל וואס איך בין אריין צום רבי"ן מיט א קוויטל פלעגט ער זיך משתעשע זיין דערמיט און זאגן מיט התרגשות "מיין טאטע האט אויך געהייסן חיים צבי, אזא שיינער **נאמען...."** (שלמה מנשה גאלדבערגער, שמעון גאלדבערגער).

ז׳ קעג) מ׳דערציילט אויף אונזער עלטער זיידע
**הרה"ח ר׳ משה וועבערמאן ז"ל** הכ"מ

## קענען דעם מחבר מיטן באר היטב

עס איז אין די טעג נסתלק געווארן אונזער ראש המשפחה **הרה"ח רבי משה וועבערמאן ז"ל**, פון די לעצט פארבליבענע שיריים פון די ארגינעלע ׳מלאכים׳ וואס האבן געלייגט די ערשטע קערנדלעך פון אידישקייט אין וויליאמסבורג פאר די קריג מיט אסאך מסירות נפש.

ער איז געווען א איד א תלמיד חכם גדול, א בעל מסירות נפש וואס נפלאות יסופר ווי אזוי זיינע יונגע יארן האט אויסגעזעהן על אדמת אמעריקע, אין יענע יארן ווען אלעס האט

נתנדב ע"י הרה"ג ר׳ **ישראל חנוך העניך שעהר** שליט"א • לעילוי נשמת אמו האה"ח מרת **אידל ב"ר משה** ע"ה • היארצייט ח"י תמוז • ולרגל **אירוסי בתו תחי׳** למז"ט

נאך אויסגעזעהן אנדערש. מאידך גיסא איז ער כל ימיו געווען א שטילער באשיידענער איד וואס האט זיך גאר ווייניג געלאזט הערן, במשך זיינע נאנט צו 100 יאר עלי אדמות.

אבער איין קורצע עובדא, וואס זאגט פון זיך גאר אסאך האט דערציילט א נאנטער בן משפחה אין די טעג.

"עס איז געווען אמאל בימי בחרותי, איך בין אלט געווען פופצן יאר, און איך האב געדאוועט נעבן דעם פעטער רבי משה ז"ל. אינמיטן דאווענען האב איך בטעות געטון עפעס שלא כהלכה. און נאכן דאווענען האט ער מיך מעורר געווען אויף דעם טעות וואס איך האב געמאכט ביים דאווענען".

האב איך אים געזאגט "יישר כח פעטער, איך האב נישט געוואוסט די הלכה, מהיום והלאה וועל איך שוין וויסן".

איך האב געזעהן ווי ער ווערט צושטורעמט "דו האסט ביז היינט נישט געוואוסט די הלכה?! דאס איז דאך אן אפענע הלכה אין שולחן ערוך".

זאג איך "דער פעטער מיינט אז איך קען שוין ד' חלקי שולחן ערוך?! יעצט ווייס איך שוין".

אבער ער האט זיך נישט בארוהיגט "די הלכה איז נאך אין שו"ע אורח חיים..."

זאג איך "פעטער, איך בין סך הכל א בחור פון 15 יאר, איך דארף שוין קענען יעדע הלכה פון שולחן ערוך אורח חיים?!".

זאגט ער "איך האב נישט געהאלטן אז דו דארפסט קענען ביי 15 יאר שו"ע או"ח מיט אלע נושאי כלים, אבער לכה"פ דעם 'מחבר מיטן באר היטב' האסטו נאכנישט דורכגעלערנט אז דו זאלסט נישט וויסן אזא הלכה?! דאס איז א איד?!...".

די ווערטער פונעם פעטער האבן מיך אדורכגענומען פון עק ביזן עק "וואס הייסט 'א איד' וואס דאווענט יעדן טאג, ער האט א סדר היום, און ביי די 15 יאר האט ער נאכנישט דורכגעלערנט לכה"פ דעם גאנצן מחבר מיטן באר היטב אין אורח חיים?!"...

יהא זכרו ברוך.

ז' קעד) עס האט דערציילט אונזער איידע

**הגה"צ רבי שמעי' גרינבוים זצ"ל** מח"ס סייעתא דשמיא

## נישטא די זייף צו אויסוואשן די אויגן און דעם מח

ווען מען האט אמאל גערעדט איבער די נושא צי מ'מעג ארייננקוקן אין 'שיינע חיבורים' וואס דער מחבר איז נישט געווען קיין ערליכער איד, אדער ער האט באלאנגט צו געוויסע קרייזן וואס האבן געהאט דיעות כוזבות.

האט ער דערציילט א מעשה נורא, אז אז עס זענען געווען אמאל ווען די תלמידים פון **הגה"ק המקובל רבי שלמה אלישיב** ז"ל בעמח"ס 'לשם שבו ואחלמה' האבן געוואלט גיין קענען לערנען דעם 'קוק'... האבן זיי אים געפרעגט צי מ'מעג גיין אים אויסהערן, זיי ווייסן אז ער האט דיעות כוזבות, אבער זיי ווילן אים הערן, און זיי שפירן אז זיי זענען בכח צו ארויסנעמען די פסולת מתוך אוכל, און נאר הערן דעם גוטן חלק פון זיינע ווערטער.

האט ער זיי געענטפערט בהאי לישנא "**מיום בריאת העולם איז נאכנישט באשאפן געווארן דער סארט זייף, וואס מ'זאל זיך קענען אויסוואשן א צורה וואס האט זיך איינגעקריצט אינעם מח פון א מענטש ווען ער האט געזעהן א ראי' אסורה ר"ל, אדער אויסוואשן דעם מח נאך וואס מ'האט איינמאל געהערט דברי מינות**"...

אזוי האט ער זיי געענטפערט בכלליות, עס איז נישטא אזא זאך אז מ'גייט הערן סתם אזוי, עס איז א מציאות אויב מ'הערט ווערט מען נתפעל.

האט ער אויסגעפירט "דאס איז א שטארקער לימוד, אז מ'שפילט זיך נישט מיטן הערן אדער קוקן וואס מ'טאר נישט. ליידער, היינט איז דאס ממש אפגעווישט, ווען יעדער גייט און קומט צו דעם און יענעם, מ'שטעלט זיך איין די ראי' מיט די שמועה.

ז' קעה) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ח ר' שלמה יוסף וואלדמאן הי"ו** מנהל מוסד 'קרן הצלה'

## להאיר מתוך האפילה

איך האב זוכה געווען מידי שבוע בשבוע להסתופף בחצרות בית ה', און זיך געפונען בעת רעווא דרעווין בבית מדרשו של רבי, און הערן די הייליגע דברות קודש מלהבות אש מפה קדשו פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**.

געווענליך ביי שלש סעודות איז אין ביהמ"ד געווען חושך אפילה, מ'האט גארנישט געקענט זעהן, אפשר נאכן זיך אנשטרענגען האט מען געקענט זעהן דעם צל הקודש פונעם רבי'ן פונדערווייטנס ווי ער שאקלט זיך ביים זאגן די תורה. אבער ווי נאר מ'האט געענדיגט די תורה און מ'האט אנגעצינדן די לעקטער איז דער רבי געווען אויף די רגע פושט צורה ולובש צורה, און ער האט שוין געשמייכלט און גערווערטלט, מ'האט נישט געקענט קלערן אז נאר מיט סעקונדעס בעפאר האט דער צדיק אזוי געשריגן און געוויינט בדמעות שליש.

עס ליגט מיר אין זכרון איין מחזה נורא ווען איך האב געזעהן דעם רבי'ן בשעת'ן זאגן די שלש סעודות תורה.

מעשה שהיה, איין יאר ווען כ"א כסלו איז אויסגעפאלן מוצש"ק, און די בחורים האבן צוגעשטעלט אין אלטן ביהמ"ד אזעלכע טאוולעך מיט לעמפלעך לכבוד די מאורע. די טאוולעך זענען שוין געווען אנגעגרייט פון ערב שבת אויף מוצאי שבת לכבוד די סעודת הודאה, און די בחורים האבן געוואלט אז דער עולם זאל באמערקן מעשי ידיהם להתפאר.

ווען דער רבי האט אנגעהויבן צו מסיים זיין די תורה - כדרכו בקודש האט דער רבי יעדע וואך מאריך געווען מיט די הייליגע ברכות א לענגערע צייט, דער עולם האט אזוי געענטפערט 'אמן' נאך יעדע ברכה - האבן די בחורים אנגעצינדן די טאוולעך, אזוי אז עס זאל שיינען אין די טונקל אין די קורצע צייט איידער מ'צינדט אן די לעקטער.

דער רבי האט דאך באמת נאכנישט געהאט געענדיגט די תורה, דער רבי איז געזעצן אויף צפון זייט פון ביהמ"ד, און מיר זענען געווען אויפן גאלערי אויף מערב זייט אויסגעדרייט צום רבי'ן, האב איך דעמאלטס - אנשטאט צו קוקן אויף די טאוולעך - געקוקט אויפן רבי'נס הייליגע צורה.

עס האט מיר ממש באפאלן א פחד, די רבי איז געזעצן ביים עק פונעם בענקל מיט ביידע הענט אויפגעהויבן אינדערהייך... די הייליגע צורה איז געווען ממש שינוי צורה, איך האב אים ממש נישט דערקענט, ער האט אזוי געלאכטן ממש ווי א מלאך אלקים

דאס איז געווען אן איינמאליגע געלעגענהייט ווען איך האב געקענט זעהן להאיר מתוך חשיכה ווי אזוי דער רבי האט אויסגעזעהן בעת אמירת דברי תורה בעת רעווא דרעווין.

ז' קעו) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ג ר' נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א** ראה"כ תו"י דרב"י

## א ברכה פונעם ישמח משה זלה"ה

בנוגע די מעשה (גליון תתמ"ה, אות קע) אז **כ"ק מרן רביה"ק מרן הברך משה זלה"ה** האט געזאגט אין שפיטאל - אייר תשנ"ו לפ"ק - אז ער האט באקומען א ברכה פון הייליגן זיידן **מרן הגה"ק בעל ישמח משה זלה"ה**. וויל איך מוסיף זיין וואס איך האב געהערט מפה קדשו.

געווען איז דאס נאכדעם וואס דער רבי איז אהיים געקומען פון שפיטאל, און מ'האט גערעדט ביים רבי'ן אין שטוב איבער די מעשה, האב איך איינמאל געפרעגט דעם רבי'ן אויב די מעשה איז אמת.

האט מיר דער רבי איבער דערציילט די גאנצע מעשה, אז אינמיטן די נאכט האט ער געזעהן עס האט זיך געעפענט די טיר, און דער זיידע דער ישמח משה איז דורכגעגאנגען, אנגעטוהן מיטן שטריימל, ער איז געווען א נידריג אידל, ער איז צוגעקומען צו מיר און ער האט מיך געבענטשט.

ווען איך האב געפרעגט דעם רבי'ן פון וואו ער האט געוואוסט אז דאס איז דער ישמח משה, האט ער געענטפערט "אזוי האט מען דארט געזאגט"...

ז' קעז) עס דערציילט אונזער איידע

**הרה"ג ר' ישכר דוב הכהן גלאנץ שליט"א** מבארדיוב

## ואת הקדוש והקריב אליו

מיין טאטע **הרה"צ רבי יוסף חיים הכהן גלאנץ** ז"ל האט אין די פריערדיגע יארן געארבעט אין 47. סט. דארט האבן געארבעט אינאיינעם אידן פון פארשידענע קרייזן.

און מידי יום ביומו אין די ווינטער חדשים פלעגט זיך דארט שטעלן א מנין מנחה. וויבאלד דארט פלעגן אויך דאווענען אידן פון א קרייז וואס זייערע פרויען שערן זיך נישט די האר ה"י. דעריבער פלעגט מיין טאטע זיך אנשטרענגען יעדן טאג אליינס צוגיין צום עמוד, כדי עס זאל נישט צוגיין אלס שליח ציבור איינער פון יענע קרייז.

אזוי ווייט איז געווען איינגעבאקן טיף אין הארצן פון די ערליכע אידן מדור הקודם דער חומר הענין פון זיך שערן די האר, אז מען איז נישט געווען גרייט צו דאווענען מיט א מנין וואס דער שליח ציבור איז נישט נזהר דערין.

נתנדב ע"י הרה"ג ר' **פינחס מרדכי מייזליש** שליט"א • לעילו נשמת זקנתו אימא דמלכא הרבנית הצדיקת **פעסיל לאה** בת הגה"ק **רבי אהרן ז"ל** • היארצייט כ"ג תמוז